STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05915

MORGNROYT UN DEMERUNG

David Opalov

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאָרגנרויט און דעמערונג

(לידער)

פון דוד אָפּאַלאוו



פאַרלאַג „פריינט"
ניו־יאָרק, 1940

SUNRISE AND DUSK

By D. Opalov

צייכנונגען פון דאַוויד בורליוק

Copyright 1940
By D. OPALOV
New York, N. Y.

369

דוד אָפּאַלאָוו
(דוד פּאַדאָקסיק)

אין בלויען שניי

(צו סאָבינאַין)

ס'איז אונז גוט צו זיין צוזאַמען,
גיין באַנאַנד אין בלויען שניי.
דו ביסט האַרציק ווי אַ מאַמע,
לופּטיק ווי דער ווינטל-ווײ.

ווי דער ראָזיקער באַגינען
ווערט די אָוונטדיקע שעה
הויבט אַ שטערנדל אָן גרינען,
ביסטו ביי מיין זייט שוין דאָ.

אין לבנה'דיקן ציטער
האָסט ניט איינמאָל מיך דערפריייט, —
ווען עס ווערט דער שניי צעבליטער,
פון אַ זיסן טרוים באַגלייט.

שטימונגען

מיין הארץ ווייסט לידער אַלערליי:
פון גרינגער פרייד, פון טיפן ווײ.

אַט בין איך, דאַכט זיך, העל באַזונט.
איך זע די וועלט פילפאַרביק-בונט.

ס'ווערט ריין ווי פּערל־טוי מיין בליק,
איך זינג געזאַנגען וועגן גליק.

און באַלד ווי יעסנדיקער וואַלד
מיין בליק ווערט אומעטיק און קאַלט.

עס ווערן שווערער מײַנע טריט
און אָפּהענטיקער מיין געמיט.

געדיכטע וואָלקנס אינדערהויך,
מיין לעצטער זונענשטראַל פאַרבלייכט.

מיין הארץ ווייסט לידער אַלערליי:
פון גרינגער פרייד, פון טיפן ווײ.

היימישקייט

אָ, גוט איז יענעם, וואָס פֿאַרמאָגט
אַ שטוב און פֿריינטלעכע פֿיר ווענט.
עס שיינט פֿאַר אים אַ בלויער טאָג.
עס צערטלען אים צוויי פֿרויען הענט.

די שווערע זאָרג פֿון לעבנסוועג
פֿאַרוואַנדלט זיך אין שטילער פֿרייד.
די היימישקייט פֿאַרוויגט און רעגט
ווי גוטע, מאַמעדיקע רייד.
ס'באַגריסן אים ווי גוטע פֿריינט
די ווייכע שטולן ליב און פֿריש.
און קומט די אָוונט זון צעשיינט,
ער זעצט זיך בײַ זײַן אייגן טיש.

שטאָט-פּיזאַזשן

ברוק עוועניו

ברוק עוועניו, דו שטייסט פאר מיר מיט אָרעמע געביידעס,
מיט ארבעטסלאָזע, ניט באַפּוצטע טעג.
איך טראָג אין זיך דעם שפּור פון דיינע ליידן.
א פּיצל הימל, טרוקן ברויט איז מיין פארמעג.

מיר איז באַקענט דער רויך פון דיינע קוימענס.
ס'באַגריסן מיר קאַלירטע שמאַטעס פון די שטריק.
און ווילסטו זיך פארגעסן, וויקלסט אויף די טרוימען
און רגע'ווייז שיינט אויף פאר דיר אויך גליק.

איך בין געבונדן און געקניפּט מיט יעדן איינעם
דאָ אויף דער טומלדיקער, רויכערדיקער גאס
איך בראָק אריין מיין וואָרט אין קרייז פון שכנים
און איך פארגעס — כ'בין צו דער הארבער נויט פאר'קנס'ט.

טשיקאַווע טיפּן פורעמט אונזער געטאָ.
איך זע זיי בולט, וואו איך זאָל ניט זיין.
אָט איז די ריזיקע, ראָמאַנטישע לאָרעטאַ.
איר מאַן, דער קאַרליקל, ער רוימט אַ סוד איר איין.

דער אייזמאַן ווילי, ווי זיין פאַדלע־פערד, הינקט אונטער.
ער פירט די גרענדע דאָ, אין אָוועראָלס געקליידט.
און יאָסל שוסטער, מיט זיין רויטער באָרד ווי צונטער,
ער שמ'ט אין גאַנצן בלאָק מיט זיינע ניין מאָס רייד.

אָט גייט דער אַלטער ווייבעריקער מאָטל,
זיין פּלונת'טע גייט נאָך אים ווי א הון,
זי פּיקט די ווערטער־קלייען מיט איר שנאָבל
און פאר א שטריקל פירט זי טעמפּ איר דאַרן הונט.

הינטערגעסעלעך אין שניי

ברוק עוועניו, כ'זע דיך פארשנייט און פארוויט,
נאָר גראָ איז ווי תמיד אויף שוועלן די נויט.
ס'גייט סעמקע פארשניאָשקעט, פאריסן דעם קאָפּ.
עס פלאָפלט אָן אויפהער דער נארישער טראָפּ.

און מאָטל, געבענטשט מיט א וואָגיקער נאָז,
וואָס אָט איז זי בלאָלעך און באַלד ווערט זי ראָז.
אַ איד א באַלייבטער, אין ניקערס געקליידט,
ער שמועסט מיט שכנות, פארכאַפּט פון די רייד.

און יאָסעלע שוסטער איז דאָ שוין פון קלויז.
די אויגעלעך כיטרע, ער לויפט ווי א מויז.
ער גריסט זיך מיט אידן: „גוט שבת, גוט יאָר".
אין שליטעלעך גליטשט זיך דער אינגערער דור.

אַוועק איז שוין ניטל און חנוכה אויך.
פאַרשוואונדן דער כישוף פון נס ווי א רויך.
עס שטייען די הייזער אין קעצישן גראָ
און ס'קראַקעט די וואוטיקע נויט ווי א קראָ.

אויפן פינפטן גאָרן

אין אַן ענגן חדר אויפן פינפטן גאָרן
האָב איך זיך פאַרקליבן אין די גרויע טעג.
פיל איך זיך אזוי ווי ניי געבאָרן.
העל־באַשטראַלטע דעכער זיינען מיין פארמעג.

כ'הער ניט דעם גערויש פון בייזע גאסן,
איך פארנעם ניט די פאַרצוקנדיקע רייד.
ס'איז מיר גוט, ווען ווי א בלויער וואסער
פליעסקעט זיך מיין לאָקנדיקע פרייד.

אַלטיטשקע

עס שניידט אין דרויסן פראָסטיק
קאָסע־שאַרף דער ווינט.
אויף גאַסן אָפּגעלאָזטע
אַ כמורנער עלט רינט.

די אַלטיטשקע אין שטיבער,
אין דרייען איינגעדרייט,
דורך טרוקן־בלויע ליפּן
זיי זיפּן קוים די רייד.
און ביי אַ קריגל קאַווע
מיט איינגעשטילטע רייד,
זיי ווערן איינגעשלאָפן,
זיצנדיקערהייט.

שטאָטישער פאַרנאַכט

דורך די וואָכעדיקע הינטער־גאַסן
האָב איך ליב אין אָוונט־צייט צו גיין.
אין לאַמטערנדיקן שיין דעם בלאַסן
ווערט די גראָקייט דורכזיכטיק און ריין.

מענטשן גייען פאַרזיכטיקער, קילער,
לעצטער קלאַנג פון טאָגיקן געבריל.
אַטאָם לויפן לאַנגזאַמער און שטילער,
ווי זיי וואָלטן זיך דערנענען צו אַ ציל.

ס'טוט אַ הונט אַ היימלאָזער אַ וואָיע
ווען ניט ווען און ווערט אַנטשווינגן באַלד.
אין די מיסטן גרויע קעץ זיך ראָיען.
אויגן גרין און גרוי ווי בליאַסק פון וואַלד.

כ'גיי פון פרעסטלדיקע ווינטלעך דורכגענומען,
פון פאַרבייגייערס דערמוטיקנדע טריט.
טראָג איך ליבשאַפט צו די ווייטע גאַסן קרומע,
ווי אַ פויער זיין געזאַנג אין צייט פון שניט.

פרייטיק-צו-נאַכט אויף ברוק עוועניו

פרייטיק־צו־נאַכט ווערט געראַם אויפן גאַס,
ס'בענטשן די אידענעס ליכט מיט כוונה.
אידישע פּנים'ער, פרייע פון לאַסט,
אָנקום פון ציכטיקן שבת דערמאָנען.

ס'גייען זיך אידן באַיאָרטע אין קלויז,
יאָסל האָט לאַנג שוין זיין סטאַרקע געשלאָסן.
סע שמעקט שוין מיט שלייען ביי יאָסלען אין הויז.
יאָסעלע שוסטער קוקט אויס ווי א חתן.

קומט מען פון קלויז, מאַכט מען קידוש, מען עסט,
און אַזאַ פרייד נעמט אַדורך אַלע גלידער.
זעט אויס דאָס הויז ווי א גליקלעכער נעסט,
זמירות צעליכטיקן אַזש די געמיטער.

ליבלעך באַטראַכסטו די אַלטיטשקע לייט,
ביילעס געפּוצטע אין עסיק און האָניק.
ס'האָט זיי אין גאַנג ניט פאַרענדערט די צייט.
אַזש אין ניו־יאָרק זעסט א בילד א לאַנגאָניק.

צו דער וועלט

אָ, וועלט, איך בין צו דיר געקומען
מיט אָרעמס אָפענע, מיט ברודער רוף.
געשאָנקען דיר פון פרייד די שענסטע בלומען,
געטריי געוועזן דעם דיכטערשן באַרוף.

זיך ניט גענויגט פאַר זעלבסט געזאַלבטע האַרן,
מיט סטעזשקעס זייטיקע געגאַנגען און געבענטשט
דעם מענטש, אויף וועמען ס'לויערן געפאַרן,
דעם ליידנדיקן, האָרעפּאַשנעם מענטש.

מיין גורל מיטן אָרעם פאָלק פאַרבונדן,
געהאַמעוועט מיין צער, באַהערשט אים דרייסט
און ווי א פאַקל אין דער נאַכט געצונדן
דאָס וואָרט פון ליבשאַפט און פון טרייסט.

מיין אידיש ליד

אָ, מיין פאַר׳חלום׳ט אידיש ליד
דו זינגסט אַרוים מיין מאַמעס צער.
דו ביזט באַשיידן, אָפּגעהיט
און אין דיין זכות גענפין איך שכר.

מיט דיר העלט אויף מיין פרייד און וויי,
אַט ברענגסט מיך אין מיין טאַטנס הויז:
ער איז פאַרטיפט ביי זיין גענויי,
דאָס לעמפּל פלעמלט און גייט אויס.

די קינדער דרייען זיך אַרום
און שפּילן זיך אין קאַץ און מויז
אין זייער הילכיקן געזשום
גייט כאַראַראַם דאָס גאַנצע הויז.

אָ, מיין פאַר׳חלום׳ט אידיש ליד,
ביזט פון מיין טיש דאָס שוואַרצע ברויט,
דו וועקסט אין מיר געשטאַלט פון איד,
פאַרפאַלגסט די פייפנדיקע נויט.

דו לינדערסט אָפּט מיין שווער געמיט,
ווי קראַנקנשוועסטער אין שפּיטאָל.
אָ, מיין פאַר׳חלום׳ט אידיש ליד,
ווי מאַמעדיק עס קלינגט דיין קול.

אָסיענדיקע פּלייטן

די זון באַגריסט נאָך אָפּט מיט מילדע שטראַלן.
דער הימל — מיט קאַלירטע וואָלקנדלעך באַצירט.
נאָר ס׳איז דער ווינט צו וואַיעווען אַ בעלן
און אָפּט דער בלאַסער זונענשטראַל פאַרפירט.

אין בלוטן שפּילן אומעטיקע פלייטן,
דער בליק ווערט טרויעהדיקער און פאַרקלערט.
דערפילסט דעם יאָך פון אָסיענדיקע נויטן.
דער עלנט שניידט אין האַרצן ווי אַ שווערד.

ס׳קומט אָסיען ווי אַן אַלטיטשקער געבויגן
מיט שווערע, לייזמעדיקע טריט.
פאַרגליווערטע די שטומע, גרויע אויגן.
זיי פּוסטעווען ווי פעלדער נאָכן שניט.

ליבער האַרבסט

ליבער האַרבסט, דו ביזט געקומען.
נו, באַגריס איך דיך, מיין פריינט.
נעם מיין אומעט אויף ווי בלומען,
כ׳בין, ווי דו, היינט בלאַס-צעשיינט.

זאָלן קאַלטע ווינטן טאַנצן
מיטן בלעטערפאַל אין רויט.
ס׳וועט אין מיינע בלאַסע סטאַנצן
שטיל צעוויינען זיך אַ פּלייט.

עד, מיר זיינען וואָגלער-ברידער,
אויסגעהאָדעוועט אין פּיין.
אונז פאַרוויגן בענקשאַפטס לידער
אין לבנה׳דיקן שיין.

מונטעריאָרן

מונטעריאָרן ווי די ליליען שלאַנקע
מיטן אַראָמאַט פון ערשטן צוויט.
כ'ווער פון אייער לעבנסלוסט געפאַנגען,
פון די יוגנטלעכע הירשנטריט.

מיט געפּיפּס פון פלאַטערדיקע פייגל
פאַנגט זיך אָן מיין קוואַלעדיקער טאָג.
ס'לויכטן אויף מיט ליבשאַפט מיינע אויגן,
פון פאַרקלערטן בלעטערשאָרך פאַרלאָקט.

וואויל איז מיר אין שפּילעוודיקע שטונדן
אויפשטראַלן מיט וואונדערלעכען טראָט.
כ'גיי ארום פון קיין זאך ניט געבונדן
איבער פריילינגדיקע גאַסן פון דער שטאָט.

ווי געלע גראָזן

אין גאָלד פון געלע גאַרבן
כ'זע אָוונטדיקע פאַרבן.
און דינער ווערט מיין קומער
ווי אָוונט־שעה סוף־זומער.

ס'איז יונגערהייט פאַרגאַנגען
מיין פרייד פון העלגעזאַנגען,
פאַרצי איך ווען א ניגון
און וויל מיין ווייַ פאַרוויגן,
דריקט שאַרפער נאָך מיין עלנט.
ווי גראָזן געלע.

אָונט-שעה

און איז דער טאָג געווען שווער,
געמאַכט מיר מיד און קראַנק.
אָ, זיי געבענטשט מיין אָונט־שעה
מיט לויטערן באַגער.

דו נידערסט פאַר מיין שוועל און ליב
ווערט מיר דער זונפאַרגאַנג.
און איז דער טאָג געווען טריב,
קלינגט פרייד אין אָונטס קלאַנג.

און ווי א לאַם באַשיידן, שטיל
נעם איך דעם אָונט אויף.
ס׳פאַרגייט מיין שווערער פאַרגעפיל,
איך הער פון פלייט א רוף.

אויף גאַסן באַקאַנטע

גיי איך אויף גאַסן באַקאַנטע,
וואו כ׳האָב פיל יאָרן פאַרבראַכט,
ווערט זייער גרויקייט מיר נאָנטער.
ווערט מיין נשמה דערוואַכט.

כ׳האָב דאָך אין גרויאיקע וואָכן
דאָרטן גענאָסן אויך פרייד.
אָפט פון א פריינטלעכן שכן
אויסגעהערט פריינטלעכע רייד.

נעמט מיך ארום אזא בענקען,
גיי איך פאַמעלעך, פאַרטראַכט.
גריסן מיך פענצטער פון שענקען,
גריסט מיך לבנה׳קע נאַכט.

קלינגט מיר אין אויער א ניגון
פון א פאַרגעסענער ליד.
נעמט מיך דער ניגון פאַרוויגן.
בלייב איך צום אָרט צוגעשמידט.

בענקשאַפט

כ׳האָב היינט נאָך דיר אַזוי פאַרבענקט זיך,
ברוק עווענין, ווי נאָך אַן אַלטן גוטן פריינט.
נאָך דיינע גרויע אידענעס און אידן
מיט בערד צעווייט און פּנים׳ער צעשיינט.

אָט זע איך מיינע גוט באַקאַנטע שכנים.
זיי זיצן פאַרן הויז אין רייד פאַרטיפט.
עס איז דאָ גוט צו זיין מיט אייך אינאיינעם.
זען ווי עס גייט דער טאָג אָפּ ווי אַ שיף.

דאָ האָב איך פרייד דערקענט און ליידן.
דאָ האָט מיין קינד צוערשט דערזען די וועלט.
עס איז מיר שווער געווען מיט דיר זיך שיידן
און אויך דיין אָרעם בילד מיר איצט געפעלט.

די אַלטע שטריק אויף פייער־לייטערס,
באַהאָנגען מיט קאָלירטע שמאַטעס־גרעט.
דאָ האָט מיין וואָרט צעשמייכלט זיך, געלייטערט
און אויפן פערטן שטאָק פאַרהאַלטן מיך ביז שפּעט.

כ׳געדענק די פריילעכע כאַליאַסטרע
אין זומערדיקע, הילכעדיקע טעג. —
די קליינוואַרג ווי צעבליטע מילדע אַסטרעס
געווען איז אונזער איינציקער פאַרמעג.

דער הינקעדיקער אייזמאַן ווילי
מיט זיין פאַרדאַרטן פערדל מיט די מידע טריט
און יאָסל שוסטער שמייכלט אין זיין בערדל
און חכמה׳ט זיך ווי אַ תּלמיד חכם איד.

אַנטוישונג

דער ווינטער האָט אָן שנייען
באַוויזן זיך אין שטאָט.
עס מאַניעט ניט קיין שליטוועג
ס'קריכט עלנט ווי א קראָט.

מיט רעגן און מיט בלאָטעס
איז דורכגעווייקט די גאַס.
די קינדער־פּיפּערנאָטערס,
זיי גייען אום אין כעס.

דער ווינטער האָט פאַרשפּראָכן
זיי שניימענטשן און פרייד.
אַ יום־טוב אינדערוואָכן
אין צאַרטן שניי געגרייט.

איצט הענגען וואָלקנס־כמאַרעס
איבער דער שטאָט ניו־יאָרק.
אין אָרעמאַנסקע שפּאַרעס
גרויט ווי געוועזן די זאָרג.

און אָרימע פּאָעטן,
מיט דורכגענעצטע שיך,
זיי טרוימען וועגן רויזן
אויף שנייעדיקן שיכט.

מיין היים

מיין שרייבטיש איז אין קיך
אין קרייז פון טעפּ און טעלער.
דאָ קריגט מיין וואָרט געוויכט.
מיין קול צעקלינגט זיך העלער.

ס'גייט אום מיין ווייב געצירט
אין שנייאיק־ווייסן פאַרטוך.
זי רייניקט די געשיר.
די הענט ווי אַסטרעס צאַרטע.

ביים ווייס־געדעקטן טיש
ווערט פריילעכער צו זיצן.
דאָס שפּייז — געשמאַק און פריש.
און גאָפּל־מעסער בליצן.

און איך בין ווידער איך.
פאַר מיר געשטאַלטן שוועבן.
מיין אינגעלע'ס געזיכט
פאַרטרייבט דאָס גרוי פון לעבן.

פּיין פון שיידונג

איך האָב דערפילט דעם פּיין פון שיידונג.
די שעה פון אונטערגאַנג און צער.
מיר זיינען אָפּגעפרעמדטע ביידע,
כאָטש כ'בין נאָך דער פאַרליבטער נאַר.

דיך רופט דער קאַרניוואַל פון לעבן,
די מאַסקע טראָגסטו איצט ניט מער.
און איך, איך וויל נאָך אַלץ פאַרגעבן
און האַלט פאַר עכט דיין פאַלשע טרער.

האַלב אין שוואַרצן

דרויסן ווייט א ווינט מיט קעלט
און א קעלט ווייט פון מיין הארצן.
און איך זע נאָך אלץ די וועלט —
האַלב אין שווארצן.

איך בין עלנט און אליין,
רעד איך צו די ווענט די גרויע.
ווילן זיי מיך ניט פארשטיין.
נאָגט מיין זעל אין שטילן טרויער.

גייט דער זייגער שלאַף און פויל.
זיין טיק־טאַק איז אזא קראנקער.
כאַפּט מיך פּלוצים אָן א גרויל
פון פּאַרנעפּלטע געדאנקען.

דרויסן ווייט א ווינט מיט קעלט
און א קעלט ווייט פון מיין הארצן
און איך זע נאָך אַלץ די וועלט —
האלב אין שווארצן.

אויף מיין דערנערדיקן שליאַך

מיין מויל פאַרקרימט זיך אין אַ שמייכל,
איך זע די זון היינט אין פאַרגיי.
מיט טענער פּיינפולע פון איכה
גייט אויף מיין צוקנדיקער וויי.

פאַר מיר טריפט בלויער בעז מיט סמ'ען.
איך בין נאָך אלץ דער יונגער קליאָן,
וואָס וואָרצלט אין פאַרבענקטע שטאמען
פון דעם פאַרגאנגענעם לאַנגאָן.

דורך רויש פון טעג מיט טריט מיט שטילע,
כ'טרעט אויף מיין דערנערדיקן שליאַך,
ס'באַגלייט מיך אָוונטדיק מיין תּפילה,
ווי ווייטע קירך־מוזיק פון באַך.

איך בין געקומען

די יאָרן — זיי קומען און גייען
און ברענגען זאָווייען פון ווינט.
נאָר איך בין געקומען דערפרייען
די וועלט, ווי דער פרילינג צעגרינט.

כ׳ווייס: אלץ אויף דער וועלט איז פארגענגלעך
און אומעטיק איז דאָס פארגיין.
כ׳וועל ליבערשט באַזינגען די שטענגלעך
פון מאַי־גלעקלעך וואונדערלעך שיין.

אזוי פאַרשטענדלאַך

דורך מידע טעג און גרויע וואָכן
מיר גייען איינגעשפאנט אין יאָך,
נאָר אונז פארלאָזט ניט דער בטחון —
ס׳מוז קומען יום־טוב נאָך דער וואָך.
און דורכגעשטראַלט פון העלן האָפן,
ווערט ווי פארלייכטערט אונזער עול.
דאָס לעבן ווערט אונז ליב און אָפן,
אזוי פאַרשטענדלאַך מיטאמאָל.

דו זאָגסט

דו זאָגסט: די וועלט פאַרגייט אין שטאַרבן.
איך זע נאָר ריינעם זונענשטראַל,
מיך וועקט דער ריח פון פרישע גאַרבן,
עס רוישט א קלאָרער וואַסערפאַל.

איך זע נאָר פאַרבן, פאַרבן, פאַרבן
פון יונגן, זוניקן קאָליר,
צעבראָכן ליגט דער שווערד פון שטאַרבן
פאַר מיר.

געבענטשט זיי, טויאיקער פרימאָרגן,
אין העלן ראָז געקליידטער טאָג,
און דו אין טיפן שלאָף פאַרבאָרגן,
אין לייד געליטערטער וואָן־גאָג.

פאַרטאָג

פאַרטאָג שטיי איך אויף מיט דעם פייגל'ס געזאַנג,
די שטאָט איז פאַרטיפט אין איר שלומער,
איך וויים, אז באַשיידן וועט זיין היינט מיין גאַנג —
א דאָרפּיונג אין ליכטיקן קומער.

איך וויים, אז כ'וועל זינגען דעם גאַנצענעם טאָג,
פון פייגל און גרינגראָז געאיידלט,
און זונשטראַל וועט שמייכלען צו מיר אויפן ראָג
און גלעטן מיך צאַרט ווי א מיידל.

און ס'וועט מיך דער וויים־בלויער מייאיקער בעז
אין וויימע אַלייען פאַרטראָגן,
און אינגליש פאַר'חלום'ט וועט זיין מיין פאַרמעסט
מיט פייגל אין בלאָלעכן טאָגן.

אין בלענד פון ליכט

כ׳האָב אויסגעמיטן שאַרף פון נויט.
כ׳גיי מיטן טאָג אין בלענד פון ליכט.
ס׳איז קערנדיק מיין פולע פרייד
און פולבלוטיק מיין יונג געזיכט.

די שטאָט איז היינט געצירט אין ווייס
און אויפגעוואַכט פון בלויען בעז,
איך טרעט אריין אין העלן קרייז
מיט גרינגע פייגל אין פאַרמעסט.

איך בין אַ שלאַנקער הירש אין גאַנג.
מיין קאָפּ פאַרריסן אינדערהייך,
און שלאַנק גייט אויף אין פערז מיין קלאַנג,
ווען העלער שיין פון טאָג פאַרבלייכט.

אין מונטער-גאַנג

איך בין נאָך אַלץ דער ליריקער אין נעפּל
פאַרטיפט אין קרעניצע פון אייגענער זעל,
וואָס איז פאַרליבט אין מונטער־גאַנג פון לעבן,
ווי אין געזאַנג ביים וואַרשטאַט דער געזעל.

ס׳דערפרייט מיך, ווען איך זע אַ יונגן פּנים
און איך דערקען אַ פילנדיקע האַרץ.
איך טראָג קיין שנאה ניט אקעגן מיינע שונאים,
וואָס האָבן אָפט מיין העלן טאָג פאַרשוואַרצט.

איך זינג מיין ליד צום בלאָעם ליכט אין טאָגן
און צו דעם שפּריי־רעגן, וואָס נערט די פרילינג־ערד.
ס׳איז גוט צו גיין אויף זונבאַהעלטע וועגן,
פון קיינעם ניט געשטערט.

אויפֿן וועג

א רגע — און ניו־יאָרק פֿאַרשווינדט
מיט שווינדלטרעפּ און רויש פֿון באַנען.
דער פֿרייער, קאָנעטיקוטער ווינט
גיט אָנדייטונג אויף ברייטע לאַנען.

עס לויפֿן מונטער מייל נאָך מייל
פֿאַרביי דעם אויטאָ פֿענצטער.
אין פֿריילעכן מאָטאָר געאייל
פֿאַרגעסטו שטאָטישע געשפּענסטער.

עס שווימען הייזלעך אויף פֿון ווייט
מיט גרעט אויף שטריק צעהאַנגען.
מוזיי פֿון ווייסן מירמלשטיין
האָט מיין געמיט געפֿאַנגען.

אַ נייער אָרט, אַן אַנדער פּלאַץ.
דו גאַפֿסט און ווערסט דערהויבן,
ווי זייפֿנבלאָז דיין קומער פּלאַצט.
גייסט אויף מיט גאָלד פֿון שטויבן.

דער טאָג איז ליכטיק ווי קרישטאָל.
ס'איז גוט אין טאָג אַזוי פֿאַרפֿאָרן,
ווען ס'בלויט דער הימלשער קופּאָל
און ס'גרינען ביימערשע אוצאָרן.

עס ציט זיך ווי א שנור דער וועג
און וועלדער שווינדן פֿאַר די אויגן.
אַ וואַסער שפּיגל ביי א שטעג
און אינדערהויך — א שורה פֿייגל.

א שפּריי רעגן

נאָכן שפּריי רעגן דעם דינעם
איז די לופט אזוי דערפרישט.
יעדער פּערלדיקער טראָפּן
פול מיט בענקשאפט אויסגעמישט.

ס'לעבן אָפּ די גרינע בוימער
אין דעם בלעטערדיקן שאָרך
אָ, נויג צו צו זיי דיין אויער
א פּאַרטייעטער און האָרך,

ווי דאָס לעבן שטייגט אין האָפן
אויף די וואָלקנדלעך פון טרוים.
ס'איז דער וועג צו ווייטן אָפן
אין דעם לויכטנדיקן רוים.

זיסער קומער אין די גלידער
און אין הארצן דינע פּלייט.
ס'גייען אויף געזאנגען — לידער
ווי א פּרוכפּערדיקע בייט.

אונטער אַ בוים

איך זיץ אין פּארק אונטער א בוימל,
דערפרייט פון פרישן מאנדל-ווינט.
עס טריפט פון הימל בלויער בוימל.
דאָס העלע גראָז ווינקט ווי א קינד.

עס שלייכט אדורך אמאָל אן אויטאָ,
צעשטערט די גלעטנדיקע רו,
נאָר ס'קומט מיר פּאָר: פון ווייטער לאָנקע
א בורע קו קומט מיט א „מו".

און ווידער שאַ און שטיל. אין שווייגן
איך זיץ, אין זיך אליין פארטיפט.
די זון צעשמייכלט זיך אויף צווייגן.
שטייט טאָג פאראנקערט ווי א שיף.

איך וויל היינט זיין . . .

איך וויל היינט זיין אַליין מיט מײַנע קלאַנגען,
וואָס פּילן אָן מיט זונענשײַן די לופֿט.
איך ווער פֿון זייער ליכטיקייט געפֿאַנגען.
אַ געטלעך שטים פֿון העכסטער הויך מיך רופֿט.

איך וויל באַרירן מיט מײַן האַרצנס פֿינגער
דעם דינעם ציטער פֿון אַ רגע גליק.
כ׳בין דער געטרייער שטימונגספֿולער זינגער,
וואָס האָט אין זיך דעם סם פֿון פּײַן באַזיגט.

ס׳איז גוט צו זען: ס׳קומט אָן אַ טאָג אַ בלויער,
ווי אויפֿן וואַסערפֿלאַך אַ שלאַנקע שיף.
ס׳פֿאַרשווינדט דער רויך פֿון נעפּלדיקן טרויער.
עס ווערט די וואָר פֿאַרוואַנדלט אין אַ מיף.

עס טרעטן אָפּ די גרענעצן פֿון צײַטן.
ס׳וואַכט אויף ראָמאַנטיק אין איר בלויעם ציר.
איך בין דער רײַטער פֿון די ווײַטסטע ווײַטן,
פֿון זעאונגען קאָלירפֿולע געפֿירט.

אין אַ מאַלערס סטודיאָ

אין פּייערפלאַמעדיקע פאַרבן
האָט אויפגעשיינט געשטאַלט פון מענטש
אין טראַגישקייט פון פאַרן שטאַרבן
און אויך אין ליַיטערונג געבענטשט.

פון בראָנז א כמורעדיקע מאַסקע
האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרב פון טויט.
אַרויסגעשטאַרצט ווי בייזער וואונדער
פון פלאַמעדיקן פּורפּור־רויט.

א פרוי אין נאַקעטקייט אין ראָזער,
אין פולן יונגנטלעכן בליִ,
האָט אין איר ווייבלעך־מילדער פּאָזע
דערמאָנט אָן ערדישקייט און גליק.

און אין דעם זעלבסטפּאָרטרעט פון מאַלער
א גרינגע דינקייט האָט געשוועבט
און ווי דער זוניקער פרימאָרגן
האָט ער אין פאַרבן אויפגעלעבט.

אַ פּרילינג מאָטיוו

דער שאָרך פון פלאַטערדיקע פליגל
האָט אײַנדערלופטן זיך צעשפּרייט.
עס שטייען אָפן טיר און ריגל.
אין זאַל איז בונטע פרייד פאַרזייט.

עס מורמלען ליבלעך לינדע ווינטן.
פאַרגעסט די גרויע נויט און לאַסט.
די וועלט גייט אויף אַ העל־צעגרינטע
אין ראַמען גאָלדענע געפּאַסט.

דער אַלטער שטייגער איז פאַרגעסן,
אַ זאָרלאָז לעבן אָטעמט אויף
מיט בלויע דופטנדיקע בעזן,
מיט אויפגעוואַכטן פויגל רוף.

פון אַלע שטעגן, אַלע ברעגן
דערטראָגט זיך אָנזאָג וועגן גליק
און שפּריצט אַ רעגנדל אַ רינער —
די טראָפּנס קלינגען ווי מוזיק.

ציקל: רעליף

„דאָבלין-פּי-איי"

אין רעליף פּלאַץ איז היינט פריילעך:
ס'וועט ניט זיין קיין סך צו טאָן, —
ווערט מען אויפגעלייגט במילא,
קרייט א לץ דאָרט ווי א האָן.

ס'זיצט א בחור'ל אין ווינקל
מיט א פילאָזאָפיש בוך, —
ווערט אים אויפן הארצן גרינגער:
ס'קומט סאָקראַט אים צו באזוך.

און אן אלטיטשקער, געבויגן,
אויף א בעזים שפּארט זיך אָן.
שעלמיש פינקלען זיינע אויגן
און ער קוועלט פון יעדן אָן.

איטאַליענער שפּילן מונטער
מיט די איירישע אין באָל, —
זייער אויסזען — בראָנז און צונטער
און די הענט — ווי פרענטעס שטאָל.

די העלדין פון דאָבלין-פּי-איי

ס׳איז וועגן דיר מיין ליד פון דאָבלין־פּי־איי,
אין דער צענטראַלער קיך מיין פריינט אירין.
די אַרבעט ברענגט דיך אַזוי פאַרפרי.
דער טאָג גייט אויף פאַר דיר אין העלן גרין.

געקליידט אין ווייסן ווי אַ קראַנקנשוועסטער,
דו שמייכלסט גוטמוטיג, פאַרייסנדיק דיין נאָז.
עס וואַכן אויף פאַר׳חלומ׳טע רעסטערס:
דערמאָנסט מיך אָן אַ וואָלקנדל אין ראָז.

די נויט האָט אונז דאָ אַלעמען פאַרברידערט
און אין הוראַ פון רווישיקן געלאַף
דאָ אויסגעמישט כינעזיש, אירלענדיש און אידיש,
די גרענעצן פון צייטן אָפּגעשאַפט.

און אָנגעטאָן אין קוכערישע קליידער,
צעטראָג איך סענדוויטשעס אויף ווייס געפּעס.
כ׳קוק אין באַוואונדערונג אויף דיר כסדר.
מיין פריערדיקן טרויער איך פאַרגעס.

„פּאַרמאַן" — קעלי

דער פּאַרמאַן קעלי האַלט פון א לחיים, —
ניט אומזיסט גליט ווי א רויז זיין נאָז.
א ציניקער, א פּראָסטער חי וקים, —
האָט ער א צונג געשליפענער פון גלאָז.

ער וואַרפט אַריין א אידישן גלייכווערטל.
כסדר קייט ער טאַבאַק און ער שפּייט;
האָט ליב צו מאַכן צייטנווייז א קערטל.
זיין גענגעלע דערקענט מען פונדערווייט.

די אייגלעך וואַסערדיקע, פּרעך־פּאַרשפּיצטע,
זיי זיינען שטענדיק אויף די אַרבעטער געווענדט.
זיין כלב נעלי האַלט ער ווי א פּריצ׳טע,
ער גלעט אים זאַרגפעלטיק מיט רויטע, פעטע הענט.

ער רעדט צום הונט באַשיידן ווי א נאָנע.
ער האָט אין הונט זיין אָפּשפּיגלונג דערקענט.

„פּאַפּ"

אין רעליף פּלאַץ האָט מען אים גערופן „פּאַפּ"
פאר זײַנע טיפע יאָרן און האַלב־רונדן רוקן.
געקארבט דעם שטערן האָט אים יאָרנלאַנג דער שאַפּ,
די אַרבעט האָט גענומען אים פאַרצוקן.

ער איז געווען, קאַנטיק, יונגערהייט אַ כוואַט,
געדינט פראַנץ־יאָזעפ'ן, זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיידן.
אויך איצט מאַרשירט ער אָפּט ווי אַ סאָלדאַט,
האָט ליב פון זײַן גאַליציעלאַנד צו ריידן.

כאָטש ס'אויסזען זײַנס איז ווי פון אַ פּאָליאַק —
די אידן רופן אים אויף מאַמע־לשון: יודל.
געאָרעמט גייט ער מיט זײַן דאַרן בעזים רק.
די האָר אין קרייז געשוירן און צעקודלט.

אונזער „פּאַפּ" איז האַרציק, אַמוזאַנט.
די איירישע פאַרשטייען אים שווין לויט זײַן מינע.
און כאָטש ער וואוינט דריי צענדליק יאָר אין גאָלדענעם לאַנד,
אין קונץ פון ענגליש ריידן איז ער אַלץ אַ „גרינער".

מײַן רוף

אָ, זאָל מײַן טאָג ניט גיין לאיבוד
אין פוילער, שטיפערישער רו.
עס זאָל פון ברידערלעכער ליבע
אין גלויבן מוטיקן מײַן רוף.

אין קאַמף פון לײַדנדיקער מענטשהייט
אָ, זאָל מײַן טרייסט געהייליקט זײַן.
ס'זאָל גרייכן אַלעמען אין בענטשונג
מײַן ליד פון מי און זונענשײַן.

פֿאַרברידער אונז, מאַי

אָ, מאַי, פֿאַרברידער אונז אצינדער.
זאָג אָן דער וועלט די פֿרייהייט קומט,
מיט חלום׳דיקע ווינטלעך לינדע,
מיט סעדער לעבעדיק־באַבלומט.

ס׳דערוואַרט אונז גליקלעכער נסיון
צו שפּאַנען אויף באַפֿרייטער ערד,
וואו ס׳וועט ניט שאַלטעווען בזיון
פֿון אכזר׳ס בלוטדורשטיקן שווערד.

מיר גייען אין די פֿעסטע רייען
פֿון זונעדיקן ליכט באַגלייט
אַ נייעם שטייגער צו פֿאַרזייען,
ווי מען פֿאַרזייט אין פֿעלד אַ בייט.

אָ, זייט געגריסט איר מענטשן ברידער.
כאָטש לופֿט איז אָנגעזאַפּט מיט לייד,
ארויס פֿון נידעריקסטן נידער
אין יום־טוב׳דיקן ציר געקליידט.

די היימאַרקעט טראַגעדיע

ווי א פרישער שניט אין הארצן
גרייפט מיך אָן די שחיטה אין דזשאָלעט.
ס׳וויגן אויף די שטריק זיך פישער, פּארסאָנס,
שפּיז און ענגל הענגען — בלוי ווי גרעט.

לואי לינג האָט זיך אליין פארשניטן,
און געפאלן, ווי א קאָרנדיקער זאנג.
מיט זיין קאָסע שטייט דער טויט אינמיטן,
א דערפרייטער פון זיין פאנג.

אומשולדיקע היימארקעט מארטירער,
העלדן פון אַן אונטערדריקטן דור, —
ס׳זינגט די גאנצע וועלט אייך איצטער שירה,
מיט סאקאָ און וואנזעטי — די געהייליקטע פּאָר!

ס׳עפנט זיך מיט אייך אין דער געשיכטע
א נייער בלאַט אין קאַמף פאַר רעכט,
ווען דער שקלאַף ווערט אויסגעניכטערט
פון שווערן גורל תמיד זיין פארקנעכט.

איר האָט געוועקט צום העלן בונט די מאַסן;
געבראכט צו זיי דעם ערשטן רוף פון מאי,
איצט גייען זיי מיט מארשן אויף די גאַסן,
פון אייער העלדנמוט צו זינגען אויף דער פריי.

דורך שטורעם ווינט

דורך די ווילדע שטורעמווינטן
גייען מיר טאָג איין, טאָג אויס.
זאָל די ערד א העל־צעגרינטע
זיין פאר אונז א מאמעס שויס.

זאָל דער שווערער עול פון לעבן
זיין אונז ווי א גרינגע לאַסט.
ווען ס׳פארפאָלגט אונז גרויער נעפּל,
מוט, דערהויב אונז ווי א מאַסט.

נאָך די בייזע שטורעם שלאַקסן
זאָל די זון אונז ברענגען פריד.
ס׳זאָל זיך קרעפטיק, שיין צעוואַקסן
פון געמיט דאָס פרייע ליד.

די לאַנדסמאַנשאַפט

ס'פאַרברידערט אונז די לאַנדסמאַנשאַפט
און ברענגט אונז פרייד אַ סך.
דער אַלטער שטייגער קריגט דאָ האַפט.
פון שטרוי זעסט היימלאַנדס דאַך.

דאָ ווערט דער פּאָדים ווידער גאַנץ.
שווימט אויף אַ טייך, אַ מיל
און ס'ווערט אין האַרצן איינגעפלאַנצט
אַ בענקשאַפט אינדערשטיל.

און פון דער אַלטער היים קומט ווער, —
ער ברענגט אונז גרוסן מיט.
איז שלינגט מען אויך אַ טרער אַראָפּ.
ס'ווערט לייכטער אין געמיט.

מיט לאַנדסלייט ביים געדעקטן טיש
אַנטלויפט די בייזע וואָר.
דער זיסער קימל שנאַפּס דערפרישט,
ס'דערקוויקט דער ברוינער טאָרט.

אַ בריוו פון מיין פֿאָטער

כ׳האָב פון טאַטן דערהאַלטן א בריוו
מיטן שטענדיקן בלויעם קאָנווערט,
דאָס איינפאַך באַשיידענע שריפט
האָט מיין האַרץ מיט פריידן באַטרערט.
ס׳רעדט דער טאַטע צו מיר, זיין זון,
מיט וואַרעמע, האַרציקע רייד.
ער שרייבט: אין דאָרף איז איצט יון,
עס ווערן די פֿאַזימקעס רויט.
ס׳האָט אין שטאָט אים געדריקט דער הוסט,
ס׳האָט אַסטמאַ זיין אָטעם פאַרשפּאַרט.
איצט אָטעמט אָפּ גרינג זיין ברוסט,
די לופט איז דערפרישנדיק צאַרט.
ער שפּאַצירט גאַנץ אָפּט פאַזע פעלד,
אָן זיין פּימסענעם שטעקן געלענט
און פריילעך די טריט געשטעלט,
פון בראָנז — דער שטערן און הענט.

צו אברהם סקלאַרין

א יישר כח, ליבער סקלאַרין,
אויף אייער וועג פון שיינער טאַט.
אין אייער לאַנדסמאַנשאַפט דערפאַרונג
האָט איר געשריבן בלאַט נאָך בלאַט.

נעמט אָן די האַרצעדיקע גריסן
פון אייער אלטן, גוטן פריינט.
זאָל ווי אין העלן חודש ניסן
זיין אייער לעבנס וועג צעשיינט.

צו פופציק יאָר זענט איר פול קרעפטן,
ווי א צעבליטער קאַרשנבוים.
מיט כלל ישראל אין באַהעפטונג
זאָל זיין פאַרווירקלעכט אייער טרוים.

היימישע בריוו

כ׳קלייב איבער אָפּט מיין טאַטנ׳ס גוט באַקאַנטע בריוו;
עס לויפן מיר די לאָמע לאַמד׳ן אַנטקעגן.
די קליינע אותיות גריסן מיך צעשטיפּט,
אַנגעפילט מיט פאָטערלעכער רעגונג.
עס וויט די היימישקייט ארויס פון יעדן אות.
אָט האָט זיך וואו א הייסע טרער פארקליבן.
איך לייען, ווי אין א לייכטן פערזנמאָס
איז יעדע צייל מיט צאַרטקייט אָנגעשריבן.
און אָט דערציילט ער מיר פון שכן פּסח קאַהן,
„ער ליגט שוין נייע לאַטעס אויף די אַלטע קליידער,
און איז נאָך אַלץ דער זעלבער אָרימאַן.
די שטעך באַגלייט ער מיט א ניגונ׳דל כסדר.
זיין ווייב נחמה וויינט נאָך אַלץ די אויגן אויס
נאָך איר פארוואָגלטער מאַנטעווידייער טאָכטער,
און אויך נאָך דיר בענקט אונזער גאַנצע הויז.
אין דיינע כתבים ווערן זיי פארקאָכטער.
די מאַמע גייט גאַנץ אָפּט אין קינעמאַטאָגראַף,
לעבט איבער יעדע שטרויכלונג פון די העלדן,
און האָט זיך מיט א מיידל צוגעשפּילט א גראַף,
וועט זי דעם תכשיט שוין ניט איין מאָל שעלטן.
נאָר דיך האָט זי אינזינען אַלע מאָל.
זי לויבט דיך פאַר די שכנה׳ס אין פארערונג.
ס׳קלינגט צערטלעך מילד און מאַמעדיק איר קול,
און גרינגער ווערן וואָכנטעג די שווערע"
„ס׳איז ערב יום־טוב", שרייבט ער, „ליבער זון,
ס׳איז שפּעט, מען דאַרף אין שול זיך קלייבן.
איך ווינטש דיר מזל־ברכה און געזונט.
דערמיט פארענדיק איך מיין קורצן שרייבן."

מיט זיך אליין

ס׳איז גוט אמאָל מיט זיך אליין פאַרבלייבן
און אויסלעבן דעם טיפֿן ווײ און צער.
אַנשטאָט די ברעקלעך פרייד אין קרייז פון פריינט צו קלייבן
און שפּילן דעם צעבאַלעוועטן נאַר.
דו ווערסט צו זיך אליין געטריי און אייגן,
דיין וואָרט ווערט ריין און אינהאלטס־פול־פאַרטיפט.
ס׳טרעפט, ווי אַן אומפאַרהאָפטער רעגן בויגן
צעשיינסטו זיך — אַ פלאַטערל צעשטיפט.
דיך גייט ניט אָן די בייזע צונג פון ברידער.
עס זידט אין זיי אַ קליינלעכער פאַרלאַנג.
אין קלאָרן קוואַל פון דורכגעפילטע לידער
געפינסטו פון דיין טרוים אַ ווידערקלאַנג.

אין אָנגעזיכט פון רו

די רו איז צאַרט ווי טויל ביי מיר אין צימער,
איך צי אַרויף די שטאָרן אינדערהויך.
די פאַרק אַליי מיט זונען־שטראַלן שימערט,
אַ ווינטל גלעט דיביימער שטיל און ווייך.
ס׳איז פרי. דער טאָג איז יונג און מונטער.
ס׳איז ראָז און שעמעוודיק זיין קינדיש בליק.
דיין פנים ווערט פאַר׳חלומ׳טער און רונדער,
עס לאַסטשעט דיך פון שווייגן די מוזיק.
עס רוען נאָך די שטילע לידערביכער
אין ווייסער צנועה׳דיקייט אויף מיין טיש,
און נאָר די רגע׳ס פאַלן גוטמוטיק און זיכער
פון זאַרגלאָזן טיק־טאַק דערפרישט.

מיין זיידע

געקרויזטע באָרד פון מיין באַליבטן זיידן, —
דערמאָנסט מיר תמיד אָן זיין שיין געשטאַלט.
עס האָט פון אים געשטראָמט א קוואַל פון פריידן
און זיינע אויגן — יוגנטלעך געשטראַלט.

עס לויפן מיר פאָראויס די שטעטלדיקע בלאָטעס,
די קי צופרידענע. עס שמעקט מיט סטויגן היי.
די קינדער יאָגן נאָך די לאַנגע שאָטנס,
וואָס פארשווינדן פלוצלונג הינטער זיי.

אָט בין איך ווידער א צעפלאַמטער אינגל.
אַן אַלטע מולטער ווערט מיין פלינקע שיף.
און טעג, באַלויכטענע מיט זומערדיקן גינגאָלד,
איך האָב מיט זיי זיך ברידערלעך צעשטיפט.

דער זיידע א פאר׳כישופ׳טער, צעשטראַלטער,
ער גריבלט זיך אין ספרים פאַרמעט געל;
לעגענדע ווערט פארוואַנדלט אין געשטאַלטן
און ווידער ווערט זי לעבעדיק און העל.

דאָרפיש

מיר איז דער שטאָטישער גערודער ניט דערווידער.
מיך לאָקן שויפּענצטער מיט ציר און גלאַנץ,
נאָר וואונדערלעכער איז צו זיין פאַרברידערט
מיט העל־צעגרינטן, בענקענדיקן פלאַנץ.

דו גייסט אין דאָרף, באפרייט פון קליינע זאָרגן.
א ווייסע ווילע גריסט דיך פונדערווייט.
עס ברענגען העגער גאָלדענעם פרימאָרגן.
דאָ גייט ארום מיט שטילע טריט די צייט.

מיט זונענפלעקן אויף צעצווייגטע ביימער
קומט אָן דער אויפגעשיינטער, ווייסער טאָג.
עס וואכן אויף אין הארץ די שענסטע טרוימען.
א שמאָלע סטעזשקע ווייט, העט ווייט פאַרטראָגט.

און קומען דיר די בורע קי אנטקעגן,
דו נעמסט פאַר זיי אראָפּ דיין העלן הוט.
די ארבעטזאַמע גרילן זוניק זעגן.
עס ווערט דיר אזוי גוט צו מוט.

טרעפסט ביי א קרעניצע א זוניק מיידל.
זי שעפּט אין עמער קוואליק וואסער אָן.
איר בלאָנדן קאָפּ באצירט א ליכטיק קווייטל.
זי איז פון לעבנסלוסט די גאָלדענע פאָן.

אַ שטוב אין ברייטאָן

עליען און אידאַ בעשאַר

א שטוב א פריינטלעכע אין ברייטן,
ניט ווייט פון רוישנדיקן ים.
דאָ גייען אויף פאַרגאַנגענע צייטן
און לויכטן אויף אין העלן פלאַם.

דאָ קום איך, ווען מיין האַרץ איז ליידיק
און דאַרשט נאָך לעבעדיקע רייד.
עס צינדט זיך אָן א פונק א פריידיקער
אין אָנגעזיכט פון שטילער פרייד.

דאָ וואוינען מיינע פריינט אין פרידן,
זיי איז באקענט מיין טיפער וויי.
מיט ווערטער לויטערע און ריינע
מיין אומעט שמעלצן זיי ווי שניי.

עס גייען אויף אין העלן האָפן
סימפאָניעס פון מענטשן קוואַל.
דאָ איז אן אָפטער גאַסט בעטהאָווען,
מיט קלאנגען הימלישע צעשטראַלט.

אין שיין פון קאַנדעליאַברעס

מיך לאָקט דער שיין פון קאַנדעליאַברעס
אין זאַלן, דילן פון פּאַרקעט.
ס׳פאַרשווינדט די וויסטע וואָר די האַרבע.
ס׳לעבט אויף גראַציעזער מינועט.

אָ, זיסע פידל־טענער מילדע.
איר זילבערט אויף ווי טויבן ווײַס.
איך זע ראָמאַנטיש ווײַטע בילדער
אין בלויען, נעפּלדיקן קרײַז.

אין לבנה׳דיקן ליכט פאָנטאַנען —
א טרוים פון טויזנט און איין נאַכט.
כ׳זע מאַיעסטעטיש שטאָלצע שוואַנען,
וואָס שווימען אויפן וואַסערפלאַך.

אָ, רײַנע, גינגאָלדענע רגע׳ס
פון טרוימען אַלאַבאַסטער צאַרט.
איך האָב דערגרייכט די ווײַטע ברעגעס
פון קיניגרײַך, וואָס הייסט מאָצאַרט.

אימפּרעסיע

איך בין אַוועק פון שטאָטישן געדרודער
צו דיינע כוואַליעס קוני־איילאַנד.
האָסט מיך באַגעגנט ווי אַ גוטער ברודער
אין לייכטער, זאָרגלאָזער פאַרוויילונג.

איצט גיי איך יעדן טאָג צום ים ברעג.
מיך גריסן דיינע שאַרפע ווינטן.
מיין בליק איז דורכזיכטיקער אַמבער;
מיין פרייד — בוקעט פון היאַצינטן.

מיך קומט באַזוכן אַפראָדיטאַ
אין באָד קאָסטיום מיט בלויע אויגן.
זי טראָגט מיט זיך דעם דופט פון צוויטן,
דעם העלן שיין פון רעגנבויגן.

זומער־לעב

מיר איז ליב דער בלויער הימל,
פעלדער הויך און ברייט
ווייט פון שטאָטישן געווימל
שיינט אויף העל מיין פרייד.

אין די פעלדער ברייטע, גרינע
פּאַשע איך מיין ליד.
כ׳פּיל די ריחות פרישע, דינע
פון באַלעבטן צווייט.

זע איך וואו אַ ציג אַ ווייסע,
צי אַ בורע קו,
הויב איך אָן מיין ליד צו שפּייזן
מיט אַ „מע" און „מו".

טרעט איך באָרוועס ווי אַ פּויער
אויפן גרינעם גראָז.
ערגעץ וואו אַ ווינטל לויערט,
לייכט געקליידט אין ראָז.

אַ זונעדיקער זינגער

כ'וועל אַזוי שוין תּמיד בלייבן
מיט אַ יונגן קאָפּ אַ שוואַרצן.
איך וועל ליבע-לידער שרייבן
און זיי צודריקן צום האַרצן.

כ'האָב מײַן לעבן אָנגעאַנקערט
צו אַ זונעדיקן האָפן.
זע איך פֿרויען אויף די כוואַליעס,
שפּילנדיק אויף זילבער האַרפֿן.

בײַ דער שטאָט-ביבליאָטעק

צוויי שטיינערנע, מעכטיקע לייבן
באַוואַכן די שטאָט-ביבליאָטעק.
עס קומען דאָ מחנות'ווייז טויבן
אין פֿרילינגדיק אָפֿענע טעג.

זיי זײַנען אין פֿריד מיט די מענטשן
וואָס רוען, אויף בענק אָנגעלענט.
און פּיקן אָן פּחד די ברעקלעך
פֿון גלעטנדיק-פֿרײַנטלעכע הענט.

און אָפֿט בײַ די כּישוף פֿאָנטאַנען
זעסט פֿאַרלעך אין בענקשאַפֿט פֿאַרטיפֿט.
דאָ ווערן פֿאַרבונדן ראָמאַנען,
ווען בוימאייל לבֿנה'יקער טריפֿט.

מיין היים-שטאָט ריגע

אָ, ריגע, שטאָט פון מיין געבאָרן,
דו גרינסט פאַר מיר ווי קאַרשנבוים.
ביזט, דאַכט זיך, אינגער נאָך געוואָרן.
דו פאַרבסט די וואָר אין העלן טרוים.

איך שטאַם פון דיינע הינטערגעסלאַך, —
א קינד פון אָרעמקייט און נויט;
פאַרליבט אין שפּראָצנדיקע גרעזלעך,
אין בליעדיקן מאָרגנרויט.

אָ, וויפל צונטערע פרימאָרגנס
האָסטו ווי טעפּיכער געשפּרייט
און איך, פאַרגעסנדיק די זאָרגן,
האָב ווי א אינגל זיך געפרייט.

דו ווערסט מיר נאָענטער און נאָענט
דאָ אויף אַמעריקאַנער ערד.
מיך גריסן דיינע שאַרפע בלאָען,
פון לינדע ווערטערן גענערט.

איך האָב באַזוכט דיך צו פאַרלאָזן
אָ, גאָט געבענטשטע קליין פּאַריז.
געביידעם — קעניגלעכע שלאָסן.
אַלייען — לידער פון האַפּיז.

האָסט ווי א מאַמע מיך געטוליעט,
ווי מאָנאַ-ליזאַ וואונדער שיין,
געקליידט אין דורכזיכטיקע טיולן
פון בלויען בעז און פרויען חן.

צוגאַסט אין ריגע

כ'האָב נאָכאַמאָל געפונען רו אין דיינע אָרעמס
מיין היימשטאָט ריגע, אין דיין בלאָנדער פּראַכט.
די טעג זיינען געשטאַנען פרישע, קלאָרע,
אין מיר פאַרטאַיעטע געפילן אויפגעוואַכט.
עס טרעפט: איך מעסט מיט לייכטע טריט די גאַסן,
איך געגן אַן באַקאַנטע פון אַמאָל,
מיר ריידן וועגן אַלץ ארום געלאַסן.
א ציטערדיקע פרייד לייכט אויף אין קול.
איך גיי אין ווערמאַן־פּאַרק, דיזעלבע שטאָלצע בוימער,
זיי וויקלען מיך אין שאָטנדיקער רו,
איך בין נאָך אַלץ א אינגל און א טרוימער,
וואָס רעדט מיט ראָזנבליט און בוים אויף „דו".
דאָ קומען נאָך די בענקענדיקע דינסטן
אין פריי־יאָר צייט באַגעגענען א פריינט,
דאָ וואַכן אויף מוזיקניואַנסן דינסטע
ווי חלום'דיקע וואָלקנדלעך צעשיינט.
איך בין באַהערשט פון בלוימאַנים און סקאָלבע —
ראָמאַנטיקער און ליריקער פון ליד.
דאָ האָב איך אויך צוערשט געפונען זאַלבונג,
דאָ האָט געצויגן וואָרצלען מיין געמיט.
און סעוועריאַנין, דער מאָדערנער דיכטער
האָט מיך געוועקט צום ליכטיקן געזאַנג.
אָ, וויפל אַסטערשנייאיקע געזיכטער
האָב איך דערקענט ביים ראַנד פון זונפאַרגאַנג.
ביזט ווי א גראַציעזע מיידל, ריגע,
וואָס טראָגט אין זון א פאַראַסאָל פון זייד,
עס מונטערט מיך דיין הארצעדיקער ניגון
ווי דער פאַרבענקטער שטערן נייד.

אין באַהעפטונג

איך וויל זיך באַהעפטן
מיין היים־שטאָט, מיט דיר
און גיין מיט אלייען
אין פרילינג שפּאציר.

פאַרגעסן דעם יאָך
פון ניו־יאָרקישע טעג,
די גראָיקע וואָך,
וועלכע שניידט ווי א זעג.

עס האָט מיך געמונטערט
דיין שיינער געבוי.
בולווארן באזונטע
און בעז הימל־בלוי.

דו ביזט ווי דער פרילינג
קאָלירִיק און יונג.
וועקסט רייפע געפילן
פון לויטערן יון.

עס גריסט מיך מיין טאטע,
אָ, ריגע, פון דיר.
די בריוו פול מיט פלאטער
פון בלאָנדסטן קאָליר.

און וואו כ'זאָל ניט קומען
און וואו כ'זאָל ניט גיין,
איך אָטעם מיט בלומען
פון דיינע אלייען.

אויף דער שיף

מיר האָבן זיך אין איילעניש געזעגנט.
די שיף איז אָפּגעשוואומען מיט מוזיק פון ברעג.
איך בין געווען צעטומלט אויף א רגע,
געמאָסטן אומרואיק דעם וואסער־וועג.

דערנאָך האָט מיך דער דעק פון שיף פארשלונגען
איך האָב זיך אויסגעמישט אין בונטן מענטשן שטראָם.
פארבראכט גוטברודעריש מיט לעבע יונגען.
דעם דאָרשט געשטילט מיט פייערדיקן ראָם.

און מיטאמאָל איז מיר געוואָרן נאָענט:
דער דעק, די מאנשאפט און דער קאפיטאן
און כ'האָב גענומען ווי א קינד געטרויען
די ווילדע טענץ פון שיכור'דיקן וואן.

צעשטראַלטע פרייד

אָ, גוט און וואויל איז דעם, וואָס גלויבט
אין אלץ, וואָס בליט אויף מאמע־ערד.
ער ווערט פון שנאה ניט באטויבט
און פרעמד איז אים דער שאַרף פון שווערד.

ס'קלינגט ווי א גלאָק פאַר אים די פרייד.
ער זעט דעם טאָג — א שיף אין גאַנג.
אָט האָט געלאָקט אים מאָרגנרויט.
אָט וועקט און רופט אים זונפארגאנג.

ווי א צעצווייגטער עפּלבוים
בליט ער אין זונעדיקן גאָלד.
ער האָט פאַר זיך אין בלויעם רוים
א העלן טרוים זיך אויסגעמאָלט.

קינדהייט

אַ מעשה׳לע

איך בין געווען אַ אינגעלע
אַ מערעלע די גרויס.
מיין מאַמע פלעגט מיך האַלזן אַפּט
און האַלטן אויף איר שויס.

און זינגען לידער האַרציקע
פון שטילן ליטע־לאַנד.
עס איז מיר נאָך ביז היינט צו טאָג
דער ניגון גוט באַקאַנט.

איך האָב געהאַט געקרייזטע האָר
נאָך שוואַרצער פון דער נאַכט.
און איבער מיר אין פרייד און צער
מיין מאַמע האָט געוואַכט.

איך בין געווען אַ שטיפערל —
איינער אינדערוועלט.
עס האָט פון מיינע חנ׳דעלעך
די גאַנצע גאַס געקוועלט.

נאָר פון מיין מאַמעס ניגונ׳דל
פלעג איך גלייך ווערן שטיל.
איך פלעג דערהערן אין גערויש
אַן אַלטע וואַסער־מיל.

עס איז מיר נאָך ביז היינט צו טאָג
דער ניגון גוט באַקאַנט,
פון מאַמעס לידער האַרציקע
פון ליבן ליטע־לאַנד.

סידני

סידני האָט א וועלט מיט שפּילצייג.
באַנעלעך אויף רעלסן קליין.
ער אליין צעשרייט זיך גרילציק,
ווען זיי הויבן אָן צו גיין.

אָבער ליבער נאָך פון צאַצקעס
האָט ער אינגעלעך ווי ער
מיט די קונצן מיט די פלינקע,
מיטן ברומען ווי א בער.

אין אַ טאָג א זוניק-העלן
שטיפט ער אויף דער גאַס מיט זיי.
און עס הילכן אָפּ די שוועלן
פון דעם קינדערשן געשריי.

קינדער-יאָרן

איך זע נאָך איצט מיין זיידן
מיט גרייזלדיקער באָרד;
מיט בלאָליך העלע אויגן;
מיט רייד ווי פרישער טאָרט.

די ליבע קינדעריאָרן,
זיי קוואַלן ווידער אויף.
עס רוישן טייכלעך קלאָרע
און פויגל אין דער לופט.

אָט איז מיין זיידנס כאַטע,
אַ שטרויענער דער דאַך.
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע,
דאָך ברענגט עס פרייד א סך.

פאַר אונז, די קינדער-שרעטלעך,
איז מולטער אויך אַ שיף.
מיר זינקען איין אין בלאָטע,
פאַרשמייעט און צעשטיפּט.

דאָס אייניקל

ס׳האָט חימ׳ל שטאַרק ליב דעם גוטן זיידן.
ער זינגט און שפּרינגט און גלעט דעם זיידנס באָרד.
ער ברענגט אַריין אין שטוב אַזויפיל פרייד.
זיין קעלכעלע איז זיס ווי ברויגער טאָרט.

און ווען דער זיידע איז פּאַרטאָן אין נייען מיצן,
פּרואווט חימ׳ל אויך ווייזן וואָס ער קען:
אַזאַ געזעל מוז לעבן מייסטער זיצן . . .
א קליניקייט — א אינגעלע א ברען!

און ס׳איז דער ליבער זיידע אַזאַ גוטער:
ער נעמט דאָס אייניקל אַריין צו זיך אין שטוב,
לייגט אוועק די אַרבעט, אַ בּאַרוטער,
און לערנט חימ׳לען דעם אלף־בית.

קינדערלאַך

מיט קינדערלעך ווי טייבעלעך
אַרומגערינגלט זיין,
און גלעטן זיי די קעפּעלעך
ווי בליעדיקן ליין.

און זיך אַליין דערזען אַ קינד
מיט קליינע קינדער גלייך
און שוועבן ווי דער פרייער ווינט
און ווי אַ העזל לייכט.

נ ע ט

נעט האָט ליב זיין ציכטיק ווייס קעצל
מיטן ראָזן, צערטלדיקן קין.
גיט איר מילך אַ טעצל נאָך אַ טעצל.
ווי לאַמטערנעס פינקלען אירע אויגן גרין.

און דאָס קליינע ערשט געבוירן הינטל, —
פון זיין סקיפּין איז ער גאָר אַנטציקט!
בלויע אויגלעך, אויפן האלז אַ פּינטל,
אין אַ קויש אַ פּרידלעכער ער ליגט!

נעט וואַרפט זיינע בליקן אויף דער פּיאַנאָ,
אויף די זילבערדיקע פּישעלעך אין קרוג,
אין קרישטאָל פון וואַסער יעדעס פישל מאַניעט
און צו נעטן אין די אויגן קוקט.

ס'שעפּט די מאַמע נחת פון איר זינדל
מיט די אויגן בלוי און די האָר ווי פלאַקס,
ווען ער שפּרינגט אַזוי אַרום זיין הינטל
און זיין ליבשאַפט צו דעם פלינקן קעצל וואַקסט.

די מאַמע

אין מײַן קלײנעם שײנעם צימערל
שפּיל איך שפּילן אַלערלײ.
ס'ליבט מײַן מאַמע מיך, איר מײדעלע,
און זי טוליעט מיך אַזױ.

מאַמע גיט מיר מילך אַ גלעזעלע
און קװעלט אַן פון מיר, איר קינד;
זאָגט: כ'האָב אַ קורנאָסע נעזעלע,
כ'לויף ווי העזעלע גשעווינד.

זי דערציילט מיר פאַרן שלאָפן גיין
מעשה'לעך פון גאָרער וועלט.
זע איך דאַן פּאַלאַצן — וואונדערשיין,
מיט די בליצלאָמפּן צעהעלט . . .

פּאָעטן

נפתלי גראָס'ן

איר זענט דער אידישסטער פּאָעט אין אידיש,
דער מאָלער — צויבערער פון קאָלאָמיי.
איך שטיי פאר אייך פון מייסטער ליד פאר'חידוש'ט,
פון דעם געזונגטן, קרעפטיקן פּאָרזיי.

ס'איז אייער וואָרט געמאָסטן און געוועגן
און בילדער שווימען אויף אין העלער ליכט,
ווי רעגנבויגן נאָך א כמורנעם רעגן,
אין אייער מענטשלעך־טיפן אָנגעזיכט.

דעם בלויען ריטערישן נעפּל פון ראָמאנטיק
האָט איר מיט אָטעם לעבעדיק באַזעלט,
און ווי א ליריקער אין אויפשיין א גאלאנטער
אין עפּאָפּייע „אידן" אויסגעאיידלט אייער העלד.

נפתלי גראָס, אין אייערע פּייזאַזשן
בליט פון נאטור די זינגענדיקע קראפט.
דאָס זיינען ניט קיין ווייטע קאמופלאַזשן,
ס'איז אידיש־ליד אין מאָלערישער האפט.

ב. לאַפּינ׳ען

אין א בראָנסקער, א באַבוימטער געגנט
אויף וועין עוועניו — פאַראַן א הויז.
ס׳טריפט די רו דאָרט ווי פאר לאַפּינ׳ס וועגן,
ווייט פון ווילדן, בייטשנדיקן ברויז.

אין א ווייסער שעה האָב איך באַטראָטן
יענע שטילע, גלעטנדיקע שוועל,
וואו ס׳לייכט גנעדיק אויף זיין וואָרט — זיין אָטעם,
מיט א בענקענדיקן שיין באַהעלט.

לאַפּינשע פאַרטייעטע געשטאַלטן
פלוצלונג זיך פאַרזאַמלט ארום מיר.
ס׳האָט זייער רייץ מיין אָטעם איינגעהאַלטן,
פון א זעאונג חלומ׳דיק געפירט.

איצט באַטרעט איך אָפּט די שוועל, וואָס מאַניעט
אויף וועין עוועניו אין לאַפּינ׳ס שטילן סטיל.
עס דערציילט מיר וועגן אויסגעשנייטע לאַנען,
טריט אין וויכן שאָטן איינגעהילט.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי׳ן

אונז האָט פֿאַרבֿרידערט אוּונטדיקע שעה.
ס׳האָט זונטיקדיקע רו ארום געפּליגלט.
אין רייד, וואָס האָבן אויפֿגעלויכטן בלאָ
האָט איר מיין צוקונפֿטיקן גליק פֿאַרזיגלט.

איך האָט מיך איבעראשט מיט חברישער פֿרייד
אין מיר דערזען ראָמאַנטיקער אין נעפּל.
אין אייערע צעבליטע פֿלאַמען־רייד
האָט אויפֿגעלויכטן העל־געזאַנג פֿון לעבן.

איך בלעטער אייער ערדיש ספֿר אָפֿט
פֿון לעבעדיקע, וואַקסנדיקע לידער.
עס שווימען אויף פּייזאַזשן מילד ווי שאָף
און לעבנסלוסט צעגיסט זיך אין די גלידער.

פּאָעט פֿון מענטשלעכקייט, אָ, זייט געגריסט,
געשטאַלט, וואָס עפֿנט זיך אויף אַלע שוועלן,
איר האָט דעם קרומען אויסדרוק „ניהיליסט״
ווייל איר זענט די פֿאַרקערפּערונג פֿון וועלן.

א. תלוש'ן

ס'פארוויגט דער לירישער געבלי פון אייער שאפן.
דער מילדער רוסישער, פארטיפטער ווײ.
איר האָט דערפירט אונז צו א שטילן האפן.
אָ, בייזע זאָרג, אין אייביקייט פארגיי.

פון מאמע־רוס האָט איר דעם קוואל גע'ירשנט.
איר האָט באוואונדערט גאָרקי'ס איזערגיל.
דאָס לאַנד פון קאָראָלענקאָ, טשעכאָוו, גארשין.
האָט אייך געלאָקט ווי פליגלען פון א מיל.

ס'איז גוט געווען מיט אייך זיך צו באקענען
און ביי א גלעזל טיי פארבענקען זיך נאָך רוס;
דערהערן אין גערויש די ברייטע לענא
און אָפּרוען זיך ביי יעסענינ'ס קוסט.

און וואָס איז פופציק יאָר, מיין ליבער תלוש,
ווי פופציק רויכן גייען זיי פארביי.
איר האָט געצונדן העלן ליכט פון חלום.
ס'איז אייער פענזל ווי די וואָלגא פריי.

מיט יעקב גלאַנצ׳ן

איך זיץ מיט יעקב גלאַנצ׳ן
אין לאָבי פון האָטעל.
עס טרעטן אָפּ דיסטאַנצן
און נאָענט ווערט רוסלאַנד׳ס שוועל.

ער רעדט פון אונזער סיאָמקען
קירסאַנאָוו דעם פּאָעט.
בלאָקס ווייטע „ניעזנאָקאָמקע"
אין העלן ליכט ער זעט.

גלאַנץ רויכערט זיך זיין ליולקע
און איך — א פּאַפּיראָס.
און ווי אין טעג אין יוליקע
ווי רויך פארשווינדט פּאַרדראָס.

וואָס גייט אונז אָן דער טומל
פון גרילצנדיקער גאַס.
אין הארצן בליען בלומען
פון זוניקן עקסטאַז.

דער אָוונט טראָגט „פּידזשאַמעס",
צעזינגט זיך דיכטער גלאַנץ.
אין פארבעדיקע גאַמעס,
אין סטיל פּאַר עקסעלאַנץ.

ביים שרייב-טיש

(א. סוצקעווער)

א טיש. א לאָמפּ. און אבאזשור
און שאָטנס ליבע פון אמאָל,
פארבונדן ווי א ראָזער שנור.
איך הער א ווייטן ווידערקול.

א רויכערדיקער פּאַפּיראָס
וועקט בענקשאפט אויף אין מיין געמיט.
מיין פרייד גייט אויף אין העלן ראָז,
ווי נאָך א רעגן ווערנע בליט.

א דיכטערס ליכטיקע געשטאלט
אנטפּלעקט זיך פאר מיין אָנגעזיכט.
די אויגן ווי קרישטאָל צעשטראַלט,
זיין וואָרט א פלעמלדיקע ליכט.

א טיש. א לאָמפּ. און אבאזשור
און שאָטנס ליבע פון אמאָל.
און ווי פון זייד א ראָזער שנור
באהעפט דעם דיכטערס צארטער קול.

אין ערמיטאַזש פון שיינקייט

(ש. טענענבוימ־יען)

איר גייט אין ערמיטאַזש פון שיינקייט
צו שעפּן קוואַלנדיקן קלאַנג.
ס'גייט אויף אין מירמל־צאַרטער ריינקייט
אין אייער פּראָזע העל־געזאַנג.

מיר זייַנען ווי די ווייסע בלומען,
וואָס וואַכן אויף אין זונענשיין,
ווען שטילער קומער ווערט צערונען, —
אין הינטערגרונט טרעט אָפּ דער פּיין.

ס'דערנענטערט מיך מיט אייך אין רוימען
דער רעגנבויגנדיקער בלענד.
ווי ווייַרויך רויכערן זיך טרוימען
אין זאַרגלאָז־הייטערן מאָמענט.

מיט ריינעם גאָלד פון פרישן שאַפן,
מיט בלעטערדיקן שאָרך אין גרין,
איר ברענגט דעם קלאַנג פון זילבער האַרפן
אין שטראַלנדיקן ליכט פון זין.

האָב קיין טענות

ברודער, האָב קיין טענות
צו דער גאָרער וועלט,
האָט דיך ווער געקריוודעט,
האָס ניט און ניט שעלט.

דו ביזט יונג און זוניק
און דער טאָג איז העל.
ס'וועט דער וויי פֿאַרשווינדן,
ווייכן פֿון דיין זעל.

און מיט טריט מיט שטאָלצע
וועסטו גיין פֿאָרויס.
ס'וועט די ליבשאַפֿט רוען
אין דיין פֿרידלעך הויז.

איבערזעצונגען פון רוסיש

סערגיי יעסענין

*

ניט פארקרים דיין שמייכל, ברעכנדיק די הענט.
איך בין פון א פרעמדער, ניט פון דיר פארהבלענדט.
דו אליין פארשטייסט דאך, דו פארשטייסט אליין.
ניט דיין פנים זע איך און ניט דיר איך מיין.
כ׳בין פארביי געגאנגען, גלייכגילטיק צום גליק
און שוין אין דיין פענצטער אויך געטאן א בליק.

ניט כ׳באַדויער . . .

ניט כ׳באדויער, ניט איך רוף און וויין ניט.
ווי דער רויך פון בוימערבלי וועט אלץ פארגיין.
דורכגענומען מיטן גאלד פון וועלקן,
וועל איך שוין ניט זיין מער יונג און שיין.

דו וועסט מער אזוי ניט נעמען שלאגן,
הארץ מיינס, פרעסטלדיק באַרירט פון קעלט.
ס׳וועט דאס לאנד פון ברעזע־ציץ ניט לאקן
ווידער בלאנדזשען באָרוועס אויפן פעלד.

בלאנדזשענדיקער גייסט, נאר זעלטן, זעלטן
דו באוועגסט אויף ליפן איצט דיין פלאם.
א, פארשוואונדטע יוגנטלעבע פרישקייט.
ביסטער בליק. געפילן ניט געצאמט.

כ׳בין געווארן קארגער אין פארלאנגען.
לעבן מיינס, ביסטו א חלום אויף דער ערד? —
ווי איך וואלט פארפרי אין רויש פון פרילינג
דורכגעריטן אויף א ראזן פערד.

אלע אויף דער וועלט — מיר זיינען שטערבלעך.
האניק טריפט פון קליאנען בלעטער רייין.
זאל אלץ אין דער אייביקייט געבענטשט זיין,
וואס עס איז געקומען בליען און פארגיין.

ד. בורליוק

ניט געווינטשטע

פארמאטערטע מענטשן פארזאמלען זיך זומער
צו זיצן אויף בענקלעך אין פארק שעה'ענלאנג.
זיי נעמט דורך די בליקן א קראנקהאפטער קומער.
פארהויקערטע פלייצעס פארגליווערט אויף לאנג.

זיי ציילן גלייכגילטיק פארגאנגענע פרילינגס.
די יארן ווי שטיינער און וואכן ווי זאמד.
ס'האט זייערע ציינער די צייט לאנג פארטיליגט,
די אויגן ניט יובלען מיט פייער און פלאם.

אין בלויען פאראד פון פאר'כישופ'טן זומער,
וואו יעדע געוויקס — א דערפרייענדיק ליד.
עם זיצן מאזאליעס פון טרויער, פיגורן . . .
פארוואָרלאָזטע בלומען פון שעפער צעפליקט.

וויקטאר טרעטיאקאָוו

ביימער

ווי וועכטער שטייען איבער אונז
געדיכטע שורות ביימער.
און שארף איז זייער גרינער בליק.
דיך נעמט ארום אן אימה.

אויף עפעס ווארטן זיי דורכויס.
זיי וויסן וועגן ווייטע זאכן.
מיט צייכנס ווינקען זיי זיך אום;
אויף עפעס אויפמערקזאם אונז מאכן.

נאר וואס דערזען מיר: אין גאס
גייט א פארבייגייער און זינגט.
זיין אייגן לעבן און א פרעמדנס
ווי שטראם צופלעסקען ווערט אים גרינג.

א. א. פעט

*

בעקלעך רויטלען זיך צעהיצטע.
סויבל איז מיט שניי באַדעקט
און דער אָטעם, לייכט ווי פּאַרע
דיינע נאָזלעכער באַוועגט.

גרוי געוואָרן אויף להכעס
איז צו זעכצן יאָר דיין לאָק.
נו, שוין צייט אַוועק פון שליטוועג. —
וואַרעמקייט פון שטוב אונז לאָקט.

זיך פאַרטיפן אין א שמועס
וועגן ליבע ביז באַגין?
און דער פראָסט זיינע אוזאָרן
אויפן גלאָז וועט שרייבן דין.

איגאָר סיעווערייאַנין

ס'איז געוועזן ביים ים

ס'איז געוועזן ביים ים, וואו אַזשור איז די פּיענע
וואו דער שטאָטישער זעלטן פּאָרט דורך עקיפּאַזש.
געשפּילט האָט די מלכה אין טורעם שאָפּענען.
פאַרטיפט אין איר שפּיל, האָט פאַרליבט זיך דער פּאַזש.

אַלץ געווען אַזוי ליבלעך אין סאָנאַטישן פּלאַטער.
ס'האָט די מלכה געבעטן צושניידן א גראַנאַט
און געגעבן א העלפט צו דעם פּאַזש, אים פאַרמאַטערט
און פאַרליבט זיך אין פּאַזש, איינגעהילט אין סאָנאַטע.

זיך דערנאָך אַזוי שטורמדיק צו אים אָפּגעגעבן.
ווי א שקלאַף איז געשלאָפן די הארנטע אַזש.
ס'איז געוועזן ביים ים, וואו ס'גינגאָלדיקט די כוואַליע
וואו אַזשוריקע פּיענע און סאָנאַטע פון פּאַזש.

אינהאלט:

אין בלויען שניי.......... 3
שטימונגען 4
היימישקייט 5

שטאָט-פּיזאַזשן

ברוק עוועניו 6
הינטערגעסלעך אין שניי 7
אויפן פינפטן גאָרן 7
אַלטיטשקע 8
שטאָטישער פאַרנאכט 8
פרייטיק־צו־נאַכטס אויף ברוק עוו. 9
צו דער וועלט 9
מיין אידיש ליד 10
אָסיענדיקע פּלייטן 11
ליבער האַרבסט 11
מונטעריאָרן 12
ווי געלע גראָזן 12
אָוונט־שעה; אויף גאַסן באַקאָנטע .. 13
בענקשאַפט 14
אַנטוישונג 15
מיין היים; פיין פון שיידונג 16
האַלב אין שוואַרצן 17
אויף מיין דערנערדיקן שליאַך 17
כיבין געקומען; אזוי פאַרשטענדלעך 18
דו זאָגסט; פאַרטאָג 19
אין בלענד פון ליכט 20
אין מונטער־גאַנג 20
אויפן וועג 21
אַ שפריי רעגן; אונטער אַ בוים 22
איך וויל היינט זיין 23
אין א מאַלערס סטודיאָ 24
אַ פרילינג מאָטיוו 25

ציקל: רעליף

„דאָבליו־פּי־איי" 26
די העלדן פון דאָבליו־פּי־איי 27
„פאָרמאַן"־קעלי 28
„פאַפּ"; מיין רוף 29
פאַרברידער אונז, מאַי 30
די היימאַרקעט טראגעדיע 31
דורך שטורעם ווינט 32
די לאַנדסמאנשאפט 33
אַ בריוו פון מיין פאָטער 34
צו אברהם סקאַלין 34
היימישע בריוו 35
מיט זיך אליין; אין אָנגעזיכט פון רו 36
מיין זיידע 37
דאָרפיש 38
א שטוב אין ברייטאָן 39
אין שיין פון קאַנדעליאַברעס 40
אימפּרעסיע 41
זומער־לעב 42
אַ זונענדיקער זינגער 43
ביי דער שטאָט־ביבליאָטעק 43
מיין היים־שטאָט ריגע 44
צוגאַסט אין ריגע 45
אין באַהעפטונג 46
אויף דער שיף; צעשטראלטע פרייד 47

קינדהייט

אַ מעשהילע 48
סידני; קינדער־יאָרן 49
דאָס אייניקל; קינדערלעך 50
נעט 51
די מאַמע 52

פּאָעטן

נפתלי גראָסין 53
ב. לאַפּיניען 54
ב. י. ביאַלאָסטאָצקיין 55
א. תלושין 56
מיט יעקב גלאַנצין 57
ביים שרייב־טיש 58
אין ערמיטאזש פון שיינקייט 59
האָב קיין טענות 60

איבערזעצונגען פון רוסיש

סערגיי יעסענין 61
ד. בורליוק; וויקטאָר טרעטיאַקאָוו .. 62
א. א. פעט; איגאָר סיעווועריאַנין .. 63